# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א
דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת ויקרא

לעילוי נשמת
הרה"ח מקים עולה של תורה
ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה
ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

דער קומענדיגע גליון וועט ערשיינען
מיטוואך פרשת צו לקראת חג הפסח

סדר ועימוד:
**א. י. גרינוואלד** 054-8494370 (972)

ניקוד: **ישראל פויגל** 054-8435096 (972)

# תוכן הענינים

## רַחֲמָנָא לִבָּא בָּעֵי - דֶער הַארְץ פוּן אַ אִיד


דֶער קָרְבָּן פוּן אַן אָרִימַאן.................................................. ד

דִי פֶעדֶער בֵּיי בְּדִיקַת חָמֵץ.................................................. ד

דֶער קָרְבָּן פוּן דֶעם אָרִימַאן שְׁטֵייגט אִיבֶּער.................................................. ו

אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם.................................................. ז

יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין חֵלֶק אִין תּוֹרָה.................................................. ח

לִשְׁקֹד עַל דַּלְתֹתַי.................................................. ח


## אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ


רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אִיז אַ הֲכָנָה צוּם לֵיל הַסֵּדֶר.................................................. י׳

חַיָּב אָדָם לְטַהֵר עַצְמוֹ בָּרֶגֶל.................................................. יב

בִּיעוּר חָמֵץ - כֹּחַ הָרַע.................................................. יג

בִּיעוּר חָמֵץ - דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה.................................................. יד

דִי הֲכָנוֹת פַאר יוֹ״ט דַארְף זַיין מִיט אַ הִתְעוֹרְרוּת.................................................. טו

פֶּה סָח.................................................. טו

# פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא

## רַחֲמָנָא לִבָּא בָּעֵי - דֶער הַארְץ פוּן אַ אִיד

☆ דֶער קָרְבָּן פוּן אַן אָרִימַאן ☆ דִי פֶעדֶער בֵּיי בְּדִיקַת חָמֵץ ☆ דֶער קָרְבָּן פוּן דֶעם אָרִימַאן שְׁטֵייגְט אִיבֶּער ☆ אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם ☆ יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זֵיין חֵלֶק אִין תּוֹרָה ☆ לִשְׁקֹד עַל דַּלְתֹתַי

### דֶער קָרְבָּן פוּן אַן אָרִימַאן

**אָמַר הקב"ה מַעֲלֶה אֲנִי עָלָיו כְּאִלּוּ הִקְרִיב אֶת נַפְשׁוֹ** (רש"י ב א)

**ווֶוען** אַן אָרִימַאן בְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן עוֹף פַאר אַ נְדָבָה, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (ויקרא א יז) **וְשִׁסַּע אֹתוֹ בִכְנָפָיו לֹא יַבְדִּיל וְהִקְטִיר אֹתוֹ הַכֹּהֵן הַמִּזְבֵּחָה**, מֶען אִיז מַקְרִיב דֶעם עוֹף אוֹיף דִי מִזְבֵּחַ צוּזַאמֶען מִיט דִי פְלִיגְלֶן.

**רַשִׁ"י** אִיז מַסְבִּיר, אַז בֶּאֱמֶת אִיז עֶס נִישְׁט קֵיין כָּבוֹד מַקְרִיב צוּ זֵיין פַאר הַשִּׁי"ת פְלִיגְלֶן פוּן אַ פֵייגֶל, ווֵייל **אֵין לְךָ הֶדְיוֹט שֶׁמֵּרִיחַ רֵיחַ כְּנָפַיִם וְאֵין נַפְשׁוֹ קָצָה עָלָיו** יֶעדֶער אֵיינֶער ווֶוען עֶר שְׁמֶעקְט דֶער רֵיחַ פוּן כְּנָפַיִם – פְלִיגְלֶעךְ, ווֶוערְט עֶר גֶעשְׁטֶערְט פוּן דֶעם, אִיז פַארְוָואס הָאט מֶען עֶס מַקְרִיב גֶעווֶוען? ווִיבַאלְד **כְּדֵי שֶׁיְּהֵא הַמִּזְבֵּחַ שָׂבֵעַ וּמְהֻדָּר בְּקָרְבָּנוֹ שֶׁל עָנִי** כְּדֵי דֶער מִזְבֵּחַ זָאל זֵיין גֶעזֶעטִיגְט אוּן בַּאשֵׁיינְט מִיט דֶעם קָרְבָּן פוּן דֶעם אָרִימַאן.

**פוּן** דֶעם וָואס דִי תּוֹרָה מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן דֶעם אָרִימַאן בֵּיי קָרְבָּנוֹת – סֵיי מְ'גִיבְּט אִים אַ בַּאזוּנְדֶערֶע זְכוּת פוּן בְּרֶענְגֶען קְלֶענֶערֶע קָרְבָּנוֹת, אוּן סֵיי אַז אִין דִי קְלֵיינֶע קָרְבָּן ווֵייזְט הַשִּׁי"ת אַז עֶר אִיז מְקַבֵּל דֶער גַאנְצֶע קָרְבָּן אֲפִלּוּ ווֶוען דִי רֵיחַ אִיז נִישְׁט גוּט, זֶעעֶן מִיר דֶערְפוּן דִי גֶעווַאלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת וָואס יֶעדֶער קְלֵיינִיקֵייט וָואס אַ אִיד טוּט פַאר הַשִּׁי"ת אִיז גָאר גְרוֹיס. צוּמָאל קֶען זֵיין דַוְקָא דֶערְפַאר ווִיבַּאלְד עֶס קוּמְט פוּן אַן אָרִימַאן אִיז דָאס מֶער בַּאלִיבְּט אוּן חָשׁוּב בֵּיים רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דֶער צוּבְּרָאכְן הַארְץ מִיט דֶער רֵיינֶע כַּוָּנָה פוּן אַ אִיד דָאס שַׁאפְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע נַחַת רוּחַ פַאר הַשִּׁי"ת.

### דִי פֶעדֶער בֵּיי בְּדִיקַת חָמֵץ

**מְ'קֶען** מוֹסִיף זֵיין אַ גֶעדַאנְק בְּדֶרֶךְ רֶמֶז; בֵּיי דִי מִצְוָה פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ אִיז דֶער מִנְהָג[א] אַז מְ'נֶעמְט אַ פֶעדֶער אִין דִי הַאנְט אוּן מִיט דֶעם גֵייט מֶען בּוֹדֵק

---

**א.** עיין משנה ברורה סימן תלג (סעי"ק מו).

חָמֵץ זַיין, וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן דֶער פֶּעדֶער?

**דִי** סְפָרִים זָאגְן אַז בֵּיי דֶער עֲבוֹדָה פוּן אוֹיפרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ דַארְף אַ אִיד נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה אוּן תִּקּוּן הַמַּעֲשִׂים, מֶען דַארְף אוֹיפרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ וָואס דָאס אִיז מְרַמְז קֶעגְן דִי יֵצֶר הָרַע, מְ'דַארְף בּוֹדֵק זַיין דִי חָמֵץ פוּן דִי הַארְץ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד זי"ע זָאגְט (עבודת ישראל לשבת הגדול) **כָּל מָקוֹם שֶׁמַּכְנִיסִין בּוֹ חָמֵץ צָרִיךְ בְּדִיקָה,** דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער דַארְף בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין דָארְט וִוי עֶר וֶוערְט לֹא עָלֵינוּ נִכְשָׁל. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער רדב"ז (שו"ת חלק ג סימן תקמו) שְׁרֵייבְּט: וִויבַּאלְד דִי חָמֵץ אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרַע, דֶערְפַאר הָאט דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אַזוֹי מַחְמִיר גֶעוֶועזְן דֶערוֹיף, וֶועגְן דֶעם רוֹימְט מֶען אוּן מֶען קְרַאצְט אַוֶועק אַלֶע חָמֵץ, וֵוייל עֶס אִיז אַ מִלְחָמָה מִיט דֶעם יֵצֶר הָרַע. [זעה שפעטער אינעם צווייטן מאמר נאך איבער דעם].

**קֶען** דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְקוּמֶען צוּ אַן אֱמֶתֶ'ע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל מְתַקֵּן זַיין אַלֶע מַעֲשִׂים? דֶערִיבֶּער נֶעמְט מֶען אַ פֶּעדֶער אִין דִי הַאנְט, צוּ מְרַמֵּז זַיין דֶערמִיט אַ חִזּוּק פַאר אַלֶע אִידְן וָואס וִוילְן תְּשׁוּבָה טוּהְן, אַזוֹי וִוי דֶער פֶּעדֶער, דִי פְלִיגְלֶעךְ פוּן דֶער פֵייגְל פוּן דֶעם אָרִימַאן אִיז חָשׁוּב בֵּיי השי"ת, וִויבַּאלְד דָאס טוּט וָואס עֶס קֶען, אַזוֹי אוֹיךְ בֵּיי דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען גֶעדֶענקֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ טוּט וָואס עֶר קֶען, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע וֶועט השי"ת מַשְׁלִים זַיין, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט אִיז בַּאלִיבְּט בֵּיים רבש"ע.[ב] פִּתְחוּ לִי פֶּתַח

**ב.** אין ירושלים האט געלעבט א געהויבענע איד, וואס מען האט גערופן רבי נחום יאס'ער [ער איז געקומען פון די שטאט יאס אין רומעניע], ער פלעגט שטענדיג רעדן צו זיינע תלמידים, ווי יעדע ביסל איז געוואלדיג חשוב ביי השי"ת, און דער אייבערשטער האט דערפון א געוואלדיגע נחת רוח, יעדע הרהור תשובה טוט אויף גאר גרויסע זאכן, א.א.וו. איינמאל האבן אים די תלמידים געפרעגט "רבי, פון וואו ווייסט איר דאס אז אפילו א קליינע הרהור תשובה איז אזוי שטארק אנגענומען און באליבט ביים אויבערשטן?" האט רבי נחום זיי געענטפערט "איר זאלט וויסן אז ליידער זענען נישט אלע מיינע קינדער געגאנגען אין די וועג וואס פארשאפט מיר נחת, ליידער איז איינער פון מיינע זון פארכאפט געווארן אין די קאמוניסטישע באוועגונג פון כפירה און עקירת התורה רח"ל, און ער איז איבער געבליבן אין די [דעמאלטסדיגע] קאמוניסטישע רומעניע. אבער אויב זאל מיין זון היינט צוריק קומען צו מיר, אזוי ווי ער זעט היינט אויס, מיט די קאמוניסטישע קליידער, און ער זאל נאר זאגן "טאטע איך וויל אהיים קומען", וועל איך אים זיכער ארום נעמען מיט דער גרעסטע מאס ליבשאפט, על אחת כמה וכמה ביים רבש"ע אז איינע פון זיינע קינדער וויאזוי זיי קוקן נאר אויס, ווי טיף אין די בלאטע, זאל נאר זאגן די געציילטע ווערטער "טאטע איך וויל צוריקומען צו דיר" פארשאפט דאס ביים רבש"ע אזא נחת רוח עד אין לשער, דער רבש"ע נעמט ארום זיין קינד און כביכול ער קושט אים צוזאם אפילו ער קען נישט לעת עתה טון קיין גרויסע זאכן נאר די קליינקייט".

כְּחוּדוֹ שֶׁל מַחַט, וַאֲנִי אֶפְתַּח לָכֶם כְּפִתְחוֹ שֶׁל אוּלָם[ג].

## דֶער קָרְבָּן פוּן דֶעם אָרִימַאן שְׁטֵייגְט אִיבֶּער

**דֶער** מִדְרָשׁ (ויקרא רבה פרשה ג' אות ה) דֶערְצֵיילְט אַז אַגְרִיפַּס הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעוָואלְט אַמָאל טוּהְן אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ! מַקְרִיב זַיין אִין אֵיין טָאג טוֹיזֶענְט קָרְבָּנוֹת, עֶר הָאט בַּאפוֹילְן דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט מַקְרִיב זַיין קֵיין קָרְבָּן אִין דֶעם טָאג, מֶען זָאל מַקְרִיב זַיין נָאר זַיינֶע טוֹיזֶענְט עוֹלוֹת.

**לְמַעֲשֶׂה** אִיז גֶעקוּמֶען אַן אָרִימַאן מִיט צְוֵויי פֵּייגְלֶער אִין זַיין הַאנְט, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם כֹּהֵן עֶר זָאל דָאס מַקְרִיב זַיין, הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל גֶעזָאגְט "דֶער קֶענִיג הָאט בַּאפוֹילְן אַז קֵיינֶער מֶעג הַיינְט נִישְׁט מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת אוֹיסֶער אִים", הָאט דֶער אָרִימַאן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל "אִיךְ פַאנְג יֶעדְן טָאג פִיר עוֹפוֹת, צְוֵויי בִּין אִיךְ מַקְרִיב, אוּן פוּן צְוֵויי הָאבּ אִיךְ פַּרְנָסָה, אוֹיבּ דוּ גֵייסְט נִישְׁט מַקְרִיב זַיין דִי צְוֵויי עוֹפוֹת, הָאבּ אִיךְ הַיינְט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה", אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער אָרִימַאן גֶעבֶּעטְן בַּיים כֹּהֵן אַז עֶר זָאל אָנֶנֶעמֶען זַיינֶע צְוֵויי פֵייגְלֶעךְ, בִּיז דֶער כֹּהֵן הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט עֶס מַקְרִיב גֶעוֶוען.

**בֵּיינַאכְט** אִיז אַגְרִיפַּס הַמֶּלֶךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאט עֶר גֶע'חָלוֹמְ'ט ווִי מְ'וֵוייזְט אִים פוּן הִימְל "דֶער קָרְבָּן פוּן דֶעם אָרִימַאן אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען מֶער ווִי דַיינֶע קָרְבָּנוֹת!". וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט פְרֶעגְן דֶעם כֹּהֵן גָּדוֹל: "צוּ דֶען הָאבּ אִיךְ דִיר נִישְׁט בַּאפוֹילְן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט מַקְרִיב זַיין קֵיין קָרְבָּן אִין דֶעם טָאג?" הָאט דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִים גֶעשִׁיקְט זָאגְן דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם עָנִי, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט "אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ! זָאג דוּ אַלֵיין הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעקֶענְט אָפְּזָאגְן אַזַא עָנִי?" הָאט דֶער מֶלֶךְ אִים צוּרִיקְגֶעשִׁיקְט **יָפֶה עָשִׂיתָ כָּל מַה שֶּׁעָשִׂיתָ**, הָאסְט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּהְן.

**דֶער** מִדְרָשׁ זָאגְט אוּנְז דָא קְלָאר, אַז דֶער קְלֵיינֶע עוֹפָה'לֶע פוּן דֶעם אָרִימַאן אִיז

---

**ג.** עס איז כדאי צו באמערקן אז די דיבורים וואס דער באשעפער האט געזאגט "פתחו לי פתח כחודו של מחט", שטייט אין מדרש (שיר השירים רבה פרשה ה) בנוגע דעם ליל הסדר, דער מדרש זאגט אזוי: **קול דודי דופק על ידי משה** אין די צייט וואס משה רבינו האט געזאגט **כה אמר ה' כחצות הלילה אני יוצא בתוך מצרים**, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר כלל ישראל "מיינע קינדער **פתחו לי פתח אחד של תשובה כחדה של מחט**, עפנט מיר א פתח ווי א שפיץ פון א נאדל, און איך וועל ענק עפענען טויערן אז גרויסע וועגענער וועלן קענען אריינגיין דארט".

מען זאגט נאך פון צדיקים ווען מ'שטעכט דורך א לאך מיט א נאדל קען מען נישט זעהן נאכדעם דער לאך, אבער דער לאך איז געלעכערט אדורך און אדורך, אמאל קען מען מיט א קליינע קבלה אדער א גוטע פעולה דורך לעכערן, אבער ס'פאדערט זיך צו מאכן א לאך אדורך און אדורך, מען מוז אויספירן דער קלייניגקייט ביז צום סוף.

גֶעוֶוען חָשׁוּבֶ'ע פוּן טוֹיזֶענְט קָרְבָּנוֹת פוּן אַגְרִיפַּס הַמֶּלֶךְ!

### אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם

**וָואס** אִיז טַאקֶע פְּשַׁט דֶערְפוּן? אַגְרִיפַּס הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט קָאסְטְן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער, מָמוֹן וְדָמִים, צוּ מַקְרִיב זַיין אַזוֹיפִיל קָרְבָּנוֹת, צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר השי"ת, אוּן פַארְוָואס אִיז דֶער אָרִימַאן'ס מֶער חָשׁוּב.

**דֶער** פְּשׁוּטֶ'ע הֶסְבֵּר אִיז אַוַודַאי, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַן עֲבוֹדָה פַאר השי"ת, אָבֶּער עֶס אִיז דָא דֶערְבֵּיי אֵייגֶענֶע פְּנִיּוֹת, עֶס כַאפְּט זִיךְ אַרֵיין "אֱנוֹכִיּוּת"[ד], אִיז דָאס נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב. אַגְרִיפַּס הַמֶּלֶךְ – מִיט זַיין מֶעכְטִיגֶע גְרוֹיסֶע קָרְבָּנוֹת – הָאט גֶעטוֹהְן אַ "גְרוֹיסֶע" זַאךְ, אִיז מֶעגְלִיךְ אַז עֶס הָאט גֶעפֶעלְט אִין דִי לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר עֶר הָאט גֶעהַאט דִי הַרְגָּשָׁה פוּן אִיךְ טוּה דָא פַאר השי"ת אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה. אָבֶּער דֶער פְּשׁוּטֶ'ע אָרִימַאן מִיט זַיין קָרְבָּן, הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גַאוּת, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, עֶר אִיז פְּשׁוּטֶ'ע אִיד וָואס קוּמְט אַרֵיין אִין בֵּיהמ"ק מַקְרִיב זַיין אַ קָרְבָּן, דֶערְפַאר אִיז זַיין עֲבוֹדָה אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דָאס רֵיינְקַייט פוּן דֶעם הַארְץ, רַחֲמָנָא לִיבָּא בָּעִי!

**עֶס** קֶען זַיין נָאךְ אַ בְּחִינָה, אַז פַאר דֶעם אָרִימַאן אִיז עֶס אָנְגֶעקוּמֶען שְׁוֶוערֶער ווִי פַאר אַגְרִיפַּס הַמֶּלֶךְ, אַגְרִיפַּס הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג, 'כְּלוּם חָסֵר מִבֵּית הַמֶּלֶךְ?' אַ מֶלֶךְ אִיז פוֹרֵץ גֶּדֶר, עֶר הָאט אַ רִיזִיגֶע עֲשִׁירוּת; אָבֶּער דֶער אָרִימַאן, הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ גֶעבְּן פוּן זַיין אָרִימֶע עוֹפוֹת צְוֵויי פַאר השי"ת, אוּן עֶר הָאט נָאךְ זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן עֶסְן זַיין קְלֵיינֶע סְעוּדָה'לֶע בֶּעפָאר דֶעם, דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאךְ, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין חַזַ"ל (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן ג ו) "פַּעַם אַחַת בְּצַעַר מִמֵּאָה שֶׁלֹּא בְּצַעַר!".

**דֶער** עִנְיָן אַז דֶער אָרִימַאן אִיז מֶער חָשׁוּב ווִי דֶער עוֹשֶׁר, זֶעט מֶען אוֹיךְ בֵּיי דֶער מִצְוָה פוּן בִּיכּוּרִים, עֶס שְׁטֵייט אִין מִשְׁנָה (ביכורים ג ח) אַז דִי 'טֶנֶא' – דִי קוֹישׁ פוּן דֶעם עוֹשֶׁר וָואס אִיז גֶעמַאכְט פוּן גָאלְד גִיבְּט מֶען צוּרִיק פַארְן עוֹשֶׁר, אָבֶּער דֶעם קוֹישׁ פוּן דֶעם אָרִימַאן וָואס מֶען מַאכְט דָאס פוּן אַבִּיסְל צוּרִיסֶענֶע עֲרָבוֹת בְּלֵייבְּט אוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דִי גְמָרָא (בבא קמא צב.) זָאגְט דֶערוֹיף דֶער בַּאקַאנְטֶע לָשׁוֹן 'בָּתַר עַנְיָא אָזְלָא עֲנִיּוּתָא' דֶער עוֹשֶׁר וֶואס ב"ה ס'פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט - עֶר בַּאקוּמְט צוּרִיק זַיין קוֹישְׁקֶעל, ווִידֶער דֶעם אָרִימַאן וָואס וָואלְט זִיךְ מְהַנֶּה גֶעוֶוען מִיט זַיין שְׁוַואכֶע קוֹישְׁל, דַוְקָא זַיין קוֹישֶׁעל דַארְף מֶען אִיבֶּער לָאזְן...

**דֶער** טַעַם דֶערְפוּן וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן רַבִּי דָוִד'ל טָאלְנָא זי"ע וַוייל דֶער עוֹשֶׁר קֶען זַיין אַז עֶר טוֹהט דָאס וַוייל זַיין חַבֵר דֶער צְוֵוייטֶע גְבִיר הָאט פַאריָאר גֶעבְּרֶענְגְט אַ שֵׁיינֶעם קוֹישׁ... גִיבְּט מֶען עֶס אִיז

---

**ד.** צדיקים האבן געטייטשט דעם פסוק (דברים ה ה) **'אנכי' עומד בין ה' וביניכם,** דעם 'אנכי' איז א מפסיק צווישן דעם מענטש און השי"ת.

שֵׁיינֶערהֵייט צוּרִיק.. אָבֶּער דֶער אָרִימַאן בְּרֶענְגְט עֶס מִיט אַן עֶרלִיכֶער כַּוָּנָה, רֵיין לְשֵׁם שָׁמַיִם, דָאס הַאלְט מֶען.

**יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיין חֵלֶק אִין תּוֹרָה**

**פוּן** דֶער מִדְרָשׁ זֶעען מִיר דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דֶעם עָנִי, וָואס בְּרֶענְגְט אַ קְלֵיינֶע קָרְבָּן, וָואס דַּוְקָא דָאס אִיז עוֹלֶה לְרֵיחַ נִיחוֹחַ להשי"ת, און אַמָאל אֲפִלּוּ מֶער וִוי גְרוֹיסֶע קָרְבָּנוֹת פוּן עֲשִׁירִים. דָאס אִיז נוֹגֵעַ אוֹיךְ אִין לִמּוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, חֲזַ"ל זָאגְן (ברכות לב:) אַז אַרְבָּעָה דְּבָרִים צְרִיכִים חִזּוּק, און דִי עֶרְשְׁטֶע אִיז תּוֹרָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר מְחַזֵּק זַיין אִין לִמּוּד הַתּוֹרָה, אוֹיף אַלֶע מִינֵי אוֹפַנִּים.

**אָסָאף** מָאל מַאכְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַ חֶשְׁבּוֹן – וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען "אַסַאךְ" תּוֹרָה, זַיין אַ גָּאוֹן, אָדֶער כָאטְשׁ אַ עֶרֶענְסְטֶע תַּלְמִיד חָכָם, וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶערְנֶען, אָבֶּער סְתָם אַזוֹי לֶערְנֶען קְבִיעוּת עִתִּים'דִיג, שְׁפִּירְט עֶר אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי חָשׁוּב אוֹיף דֶעם זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען.

**אָבֶּער** דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן אִין דִי פָּרָשָׁה פוּן קָרְבָּנוֹת, אַז דֶער עָנִי אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חֲשִׁיבוּת, און צוּמָאל אִיז עֶס נָאךְ פַאר גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת פוּן קָרְבָּנוֹת פוּן רֵייכֶע מֶענְטְשֶׁען, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין תּוֹרָה.

## לִשְׁקֹד עַל דַּלְתֹתַי

**נָאךְ** מֶער פוּן דֶעם קֶענֶען מִיר זֶען אַז אֲפִלּוּ דָאס עֶצֶם גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ' זִיךְ דְרֵייעֶן אַרוּם דִי תּוֹרָה, הָאט אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ. אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, מִיט דֶער גַאנְצֶע קְלָארְקֵייט וִוי ס'דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער עֶר קוּמְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר זִיצְט דָארְט, און עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ טוּהְן זַיינְס וָואס עֶר קֶען, בַּאקוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְפַאר אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (משלי ח לד) **אַשְׁרֵי אָדָם** וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ **שֹׁמֵעַ לִי** וָואס הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ מִיר **לִשְׁקֹד עַל דַּלְתֹתַי** צוּ זַיין מִיט הַתְמָדָה בֵּיי מֵיין טִיר **יוֹם יוֹם** טָאג טֶעגְלִיךְ **לִשְׁמֹר מְזוּזֹת פְּתָחָי**[ו]. אִין דֶער פָּסוּק וֶוערְט

---

**ו.** דער פסוק פירט דארט אויס "כי מצאי מצא חיים", אז דאס גיין אין ביהמ"ד איז א סגולה אויף אריכות ימים.

א פלא'דיגע מעשה שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני משלי רמז תתקמ"ג) אויף דעם פסוק עס איז אמאל געקומען צו דער תנא רבי יוסי בן חלפתא גאר אן אלטע פרוי, און זי האט זיך באקלאגט פאר אים רבי, איך בין געווארן צו אלט, און מיין לעבן איז מיר רח"ל פאר'מיאוס'ט געווארן, ווייל איך שפיר שוין נישט קיין טעם אין עסן און אין טרינקן, און איך וויל שוין אוועקגיין פון די וועלט. האט רבי יוסי בן חלפתא איר געפרעגט מיט וועלכע זכות האסטו זוכה געווען צו אזא אויסערגעוועהנליכע אריכות ימים? האט די אלטע פרוי געענטפערט איך בין געוואוינט אז יעדן אינדערפרי לאז איך אלעס אפ, און איך גיי פארטאגס אין בית המדרש! האט דער הייליגער תנא איר געזאגט "האלט דיך צוריק פון צו גיין אין בית המדרש פאר דריי טעג!"

אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דֶער מַעֲלָה פוּן אַ מֶענְטְש וָואס אִיז 'שׁוֹקֵד' אוֹיף דִי טִירְן פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ, עֶר אִיז אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ אִיד! עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַז עֶר אִיז אַ גָאוֹן, אַ לַמְדָן! אָדֶער מְפַלְפֵּל, עֶר אִיז פָּשׁוּטֶע אִיד וָואס "אִיז דָא"! עֶר אִיז דָא אִין ביהמ"ד. עֶר לָאזְט נִישְׁט נָאךְ יוֹם נָאכַאמָאל אוּן נָאכַאמָאל, עֶר קֶען נִישְׁט מֶער, עֶר אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִיט דֶער גַאנְצֶע קְלָארְקֵייט צוּ פַארשְׁטֵיין אוּן גֶעדֶענְקֶען גוּט, אָבֶער אוֹיבּ עֶר טוּט וָואס זַיין יְכֹלֶת אִיז, עֶר קוּמְט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט וָואס עֶר קֶען, זָאגְט אוֹיף אִים דֶער פָּסוּק, אַשְׁרֵי אָדָם!

**דִי** גְמָרָא (ברכות ו:) זָאגְט אָמַר רַבִּי זֵירָא: 'אַגְרָא דְפִרְקָא רִיהַטָא' רַשִׁ"י עֶרקְלֶערְט אַז דָאס מֵיינְט דֶער שְׂכַר פוּן גֵיין הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת אִין ביהמ"ד, אוּן דִי וָואס לוֹיפְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ צוּ הֶערְן שִׁיעוּרִים אַפִלוּ זֵיי פַארשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי גוּט דָאס וָואס זֵיי הֶערְן, פַאר דָאס אַלֵיין בַּאקוּמְט מֶען שְׂכַר, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. יֶעדֶער אֵיינֶערוָואס עֶר קֶען![ז]

---

די פרוי האט טאקע אזוי געטון, און אין די דריטע טאג איז זי קראנק געווארן און זי איז אוועק פון די וועלט!

**ז.** אבער עס איז וויכטיג צו באטאנען, כאטשיג מיר דארפן געדענקען גאר שטארק די חשיבות פון יעדע קליינקייט און ווי ווייט דאס טוט אויף, אבער דער וואס איז מסוגל אויף מער, דארף גיין ווייטער און העכער, און זיך נישט בלויז מחזק זיין [אזא סארט חיזוק איז נישט חיזוק, נאר חוזק..].

# אויסְרוימֶען דִי חָמֵץ

☆ רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אִיז אַ הֲכָנָה צוּם לֵיל הַסֵדֶר ☆ חַיָּב אָדָם לְטַהֵר עַצְמוֹ בָּרֶגֶל ☆ בִּיעוּר חָמֵץ – כֹּחַ הָרַע ☆ בִּיעוּר חָמֵץ – דוּרְךְ לִימוּד הַתּוֹרָה ☆ דִי הֲכָנוֹת פַאר יוֹ"ט דַארְף זַיין מִיט אַ הִתְעוֹרְרוּת ☆ פֶּה סָח

## רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אִיז אַ הֲכָנָה צוּם לֵיל הַסֵדֶר

**מֶען** הַאלְט שׁוֹין אַ וָואךְ פַאר פֶּסַח, פַארְנוּמֶענֶע טֶעג וָואס יֶעדֶע גְרֵייט זִיךְ צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען קֶערְט אוּן מֶען רוֹימְט אַרוֹיס אַלֶע חָמֵץ, מֶען קְרַאצְט אוּן ווִישְׁט דִי חָמֵץ, אָבֶּער וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג אוּן הֲכָנָה, ווִי אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ גְרֵייטְן אִין דִי טֶעג?

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים, אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דָאס וָואס אַלֶע אִידְן זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי טֶעג מִיטְן אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי חָמֵץ.

**דֶער** בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט בֵּיי דִי תְּקִיעוֹת "יְהִי רָצוֹן שֶׁהַקוֹלוֹת הָעוֹלִים מִן הקשר"ק וכו'" אַז אִין דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת פוּן דִי תְּקִיעוֹת **קשר"ק** (תְּקִיעָה שְׁבָרִים תְּרוּעָה תְּקִיעָה) אִיז מְרוּמָז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַרוֹיסְרֵיינִיגְן דִי חָמֵץ קְרַאצְן שַׁארְבְּן רֵייבְּן כַּשְׁרְ'ן, דָאס קוּמְט צוּ וַוייזְן אַז דִי קוֹל פוּן רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח וֶוערְט גֶערֶעכְנֶט אִין הִימְל אַזוֹי דִי קוֹל וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי שׁוֹפָר בַּיי דִי תְּקִיעוֹת, אוּן עֶס אִיז מֵלִיץ טוֹב אוֹיף דִי אִידְן אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

**עֶס** מַאכְט זִיךְ זֵייעֶר אָפְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי מִידָה פוּן סַבְלָנוּת בַּיים רֵיינִיגְן, צוּ מְקַיֵים זַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶער תַּנָּא אִין פִּרְקֵי אָבוֹת (פרק ב משנה י) **וְאַל תְּהִי נֹחַ לִכְעוֹס** מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶוערְן שְׁנֶעל בֵּייז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה, בִּפְרָט אִין דִי טֶעג[ח].

**טַאקֶע** יֶעצְט אִין דִי צֵייט פוּן 'בֵּין הַזְמַנִים' וֶוען דִי קִינְדֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דִי

---

**ח.** אזוי ווי עס ווערט פארציילט אויף הלל הזקן (אבות דרבי נתן נוסחא ב פרק כט): א מענטש איז אמאל געקומען אויפרעגן הלל הזקן, ער האט צוגעווארט ביז הלל הזקן איז איינגעשלאפן, און ער האט אנגעפאנגען צו קלאפן אויף הלל'ס הויז און ער האט געפרעגט "איז הלל דא?" האט הלל הזקן געפרעגט "וואס ווילט איר?" האט ער געענטפערט "איך האב א שאלה!" איז הלל הזקן אויפגעשטאנען און אים געעפענט די טיר, און ער האט זיך אנגעטועון און זיך אוועקגעזעצט אויסצוהערן די שאלה פון דעם מענטש, און ער האט אים געפרעגט: וואס איז דיין שאלה? האט ער אים געזאגט "איך האב פארגעסן!" האט אים הלל הזקן געזאגט: האלט זיך רואיג! האט דער מענטש געפרעגט "פארוואס איז די ווידל פון א קוה לאנג און פון אן

פוס, יֶעדֶע הָאט אַ לַאנְגֶע לִיסְטֶע וָואס מֶען דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן, און עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן אַז מֶען וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן, טַאקֶע אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מֶעסְטְן און זֶען ווִי שְׁטַארְק מֶען אִיז אוֹיסגֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דִי מִדּוֹת, דַּיְקָא וֶוען עֶס אִיז אַ שְׁעַת נִסָּיוֹן וֶוען מֶען קֶען אַבִּיסֶל אַרוֹיס גֵיין פוּנֶעם גְלַייכְגֶעוִויכְט, דַארְף מֶען זִיךְ עֶקְסְטֶער מְחַזֵּק זַיין און אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִדּוֹת.

**דִי** מִשְׁנָה (אבות פרק ב משנה ט) זָאגְט **צְאוּ וּרְאוּ אֵיזוֹהִי דֶּרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדָּבֵק בָּהּ הָאָדָם** וָואס אִיז דֶער רִיכְטִיגֶע וֶועג וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אִינְדֶעם מְדַבֵּק זַיין? דִי מִשְׁנָה בְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע מִדּוֹת צְווִישְׁן זֵיי בְּרֶענְגְט דִי מִשְׁנָה **רַבִּי אֱלְעָזָר אוֹמֵר 'לֵב טוֹב'** אַ גוּטֶע הַארְץ. דֶער רַבֵּנוּ יוֹנָה עֶרְקְלֶערְט וָואס דָאס מֵיינְט 'אַ גוּטֶע הַארְץ': **זֶהוּ הַסַּבְלָן שֶׁאֵינוֹ קְצַר רוּחַ, וּמִתְרַחֵק מִמִּדַּת הַכַּעַס וּמֵשִׁיב בְּמַעֲנֶה רַךְ.** אַ גוּטֶע הַארְץ בַּאדֵייט אֵיינֶער וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג אֵיידֶל, און רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, און אֲפִילוּ אוֹיב עֶס גֵייט שְׁוֶוער, עֶס אִיז דָא שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען, דָאךְ בְּלֵייבְט מֶען רוּהִיג און מֶען וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס.

**דָאס** אִיז דֶער רִיכְטִיגֶע גְלֵייכֶע וֶועג וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן, און דָאס גְרֵייט אוּנְז אָן אַז מֶען זָאל קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי יוֹם טוֹב.[ט]

---

אייזל קורץ?" הלל האט אים געזאגט "דו האסט געפרעגט א געוואלדיגע שאלה" און הלל האט אים פארענטפערט און דערנאך האט אים הלל געפרעגט אויב ער האט נאך א שאלה, און ער האט געענטפערט: ניין, און ער איז ארויסגעגאנגען און ער האט צוגעווארט ביז הלל הזקן איז נאכאמאל איינגעשלאפן, און ער האט אים ווידער אויפגעוועקט מיט דעם זעלבן נוסח וכו', ביז ער האט אנגעפאנגען צו שרייען אויף הלל הזקן אז צוליב די ענוה און סבלנות פון הלל הזקן האט ער יעצט דערלייגט פיר הונדערט דינרים [וואס ער האט זיך אויסגענומען אויף דעם מיט א חבר, אז אויב עס וועט אים געלונגען אויפצורעגן הלל הזקן וועט ער באקומען פיר הונדערט דינרים פון זיין חבר, און אויב נישט וועט ער דארפן געבן די סומע צו זיין חבר], האט אים הלל הזקן געזאגט "עס איז בעסער אז דו זאלסט דערלייגן נאך פיר הונדערט דינרים און נאך פיר הונדערט דינרים, ווי איידער **הלל זאל ווערן גערופן ביים באשעפער א 'קפדן' אפילו נאר פאר איין שעה!"**

**ט.** עס ווערט דערציילט אויף הרה"ק רבי פנחס קאריצער זי"ע [טייל דערציילן דאס אויף דער אפטא רב זי"ע] איבער זיינע גאר מהודר'דיגע חומרות און דקדוקים וואס ער האט מקפיד געווען אויף פסח. ער פלעגט אויסגעבן א געוואלד פון געלט נאר פאר זיינע מצות, ער האט אליין געקליבן און געמאלן די ווייץ, און אזוי האט ער געהאהט נאך פיל חומרות.

איין יאר ערב פסח האט א איד אריין געקלאפט ביי אים אינדערהיים מיט א געוויין, און ער האט זיך אויסגערעדט זיין הארץ צום צדיק "ער ווייסט נישט וואו צו זיין אויף פסח! ער וויל נישט גיין צו זיין שווער וויבאלד דארטן עסט מען געבראקס און ער איז מקפיד אז ער עסט נישט קיין געבראקס, ווידער זיין פרוי וויל נישט בלייבן אינדערהיים, און זי וויל דוקא יא גיין צו אירע עלטערן אויף פסח".

**חִיֵּב אָדָם לְטַהֵר עַצְמוֹ בָּרֶגֶל**

**חֲזַ"ל** (מכילתא בא יא עד) דַּרְשְׁ'נֶען דִי פָּסוּק (שמות יב כא) **מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם צֹאן וְגוֹ'** אַזוֹי **מִשְׁכוּ יְדֵיכֶם** הָאלְטְס עֶנְק צוּרִיק פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת וָואס זֶענֶען וִוי עֲבוֹדָה זָרָה, וִוי צ.ב. כַּעַס אוּן גַּאֲוָה וָואס דִי עֲבֵירוֹת וֶוערְן גֶערֶעכְנְט וִוי עֲבוֹדָה זָרָה. הרה"ק רַבִּי אָשֵׁר מִסְטָאלִין זי"ע הָאט עֶרְקְלֶערְט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שמות לד יז) **אֱלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשֶׂה** מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן קֵיין גֶעטְשְׁקֶע צוּ דִינֶען פַאר עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן בַּאלְד דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שם פסוק יח) **אֶת חַג הַמַּצּוֹת תִּשְׁמֹר**, כָאטְשׁ וָואס מֶען פְּרָאבִּירְט צוּ מְהַדֵּר זַיין אוּן מְדַקְדֵּק זַיין אַז דִי מַצּוֹת זָאל זַיין כָּשֵׁר לְמְהַדְּרִין, אוּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין בְּרֶעקְל חָמֵץ אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער פָארְט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, וָואס דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט וִוי דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (שבת קה:) 'כָּל הַכּוֹעֵס כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה'.

**דֶער** קַב הַיָּשָׁר (פרק פח) טַיְיטְשְׁ דָאס וָואס דִי גְּמָרָא (ראש השנה טז:) זָאגְט **חַיָּב אָדָם לְטַהֵר עַצְמוֹ בָּרֶגֶל** מֶען דַארְף זִיךְ רֵיינִיגְן בֶּעפָאר יוֹם טוֹב, סַיי דִי גוּף אוּן סַיי דִי נְשָׁמָה, אוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֵיינִיגְט דֶעם נְשָׁמָה, אִיז דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי מִדּוֹת, זִיךְ אֵיינְהַאלְטְן פוּן וֶוערְן בְּכַעַס וְכַדּוֹמֶה.'

---

רבי פנחס זי"ע האט אים אויסגעהערט, און ער האט אים געמוטיגט דורך דעם וואס ער האט אים פארציילט זיין פערזענליכע געשיכטע, ומעשה שהיה כך היה: איינמאל ערב יום טוב פסח איז אן ארימאן אנגעקומען צו אים אינדערהיים, און ער האט געבעטן געלט מיט אביסל מצות, פארציילט הרה"ק רבי פנחס זי"ע ווייטער "מיין ווייב איז געווען פארנומען מיט די הכנות צום פסח, און פאריאגטערהייט האט זי בטעות געגעבן פאר דער ארימאן מיינע אייגענע מצות וואס איך האב געהאט אנגעגרייט פאר די סדר נאכט. ווען דער ארימאן איז געגאנגען האט מיין פרוי געכאפט וואס זי האט געטוען, און זי האט מורא געהאט צו פארציילן וואס זי האט געטון, זי האט באשלאסן אז זי גייט דאס האלטן א סוד, זי האט גענומען פשוט'ע אלגעמיינע מצות און דאס געלייגט אויפן טיש אנשטאט מיינע מהודר'דיגע מצות, און קיינער האט נישט געוואוסט דערפון"

פארציילט דער רבי ווייטער פאר דעם איד "פסח ביינאכט ווען איך האב מיך געזעצט ביים סדר טיש, האב איך געשפירט אז די מצות, זענען נישט די זעלבע מצות וואס איך האב געהאט אנגעגרייט מיט א הארוואניע, אבער איך האב מחליט געווען אז זיי איך גיי גארנישט עפנען מיין מויל, איך גיי נישט פרעגן און אפיר האלטן קיינעם, אפילו עס האט מיך געבאדערט, האב איך אבער נישט געוואלט מאכן קיין מחלוקת, און ווי טון א איד...!" דער רבי האט געענדיגט זיין געשיכטע, און ער האט שוין נישט געדארפט ערקלערן דעם איד אז עס לוינט זיך ענדערש צו גיין צו זיין שווער, ווי איידער אריין גיין אין א מחלוקת...

**י.** דער משגיח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל פלעגט זאגן אויף דעם וואס די וועלט וואונטש זיך אויף פורים "א פרייליכן פורים" און אויף פסח וואונטש מען "א כשר'ן פסח", פלעגט דער משגיח

## בִּיעוּר חָמֵץ - כֹּחַ הָרַע

**אִין** דִי טֶעג וָואס אוּנְז זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי מִצְוָה פוּן אַרוֹיסְרֵייניגְן דִי חָמֵץ, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען דָאס וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין אַלֶע סְפָרִים, אַז דִי פְּנִימִיּוּתְ'דִיגֶע טַעַם פוּן דִי מִצְוָוה אִיז – אַז חָמֵץ וַוייזְט אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרַע וָואס אִיז דָא אִין אוּנְז אוּן אוֹיף דִי כֹּחַ הָרַע וָואס אִיז דָא אִין דִי בְּרִיאָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית רכו ב). אוּן דִי בְּדִיקָה נָאךְ דִי חָמֵץ אִיז מְעוֹרֵר דֶעם מֶענְטְשׁ נָאכְצוּזוּכְן נָאךְ דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיז דָא אִין אִים, אוּן עֶס אִינְגַאנְצְן אוֹיסְרוֹימֶען.

**אַזוֹי** וִוי דֶער הֵיילִיגֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ (פְּסָחִים – מַצָּה עֲשִׁירָה, דְּרוּשׁ ג' אוֹת ב') אִיז מְרַמֵּז אִין דִי גַאנְצֶע סֵדֶר פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ: **א:** מֶען דַארְף בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין – דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בּוֹדֵק זַיין זַיינֶע מַעֲשִׂים, סַיי דִי אָפֶענֶע אוּן סַיי דִי בַּאהַאלְטֶענֶע. **ב:** מֶען אִיז בּוֹדֵק מִיט דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן אַ לֶעכְטְל – דָאס וַוייזְט אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים (כז א) "ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי" אַז מֶען דַארְף בּוֹדֵק זַיין דִי מַעֲשִׂים אַז עֶס זָאל זַיין לְשֵׁם שָׁמַיִם. **ג'** מֶען דַארְף בּוֹדֵק זַיין אִין אַלֶע לֶעכֶער אוּן שְׁפַּאלְטֶענֶעס אוּן קְרִיצְן – וַוייל דֶער אֵייבִּישְׁטֶער אִיז אַ 'בּוֹחֵן לְבָבוֹת' עֶר וֵוייסְט אַלֶעס וָואס מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אוּן שְׁפִּירְן. **ד:** אֲפִילוּ אִין פְּלֶעצֶער וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיף זִיכֶער אַז עֶס הָאט חָמֵץ, דַארְף מֶען אוֹיךְ בּוֹדֵק זַיין, אוֹיבּ עֶס קֶען זַיין אַז מֶען הָאט אַמָאל אַרַיינְגֶעטְרָאגְן דָארְט חָמֵץ – אֲפִילוּ עֲבֵירוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען גְרִינְגֶע עֲבֵירוֹת אוּן צוּלִיבּ דֶעם פַארְגֶעסְט מֶען פוּן זֵיי, דַארְף מֶען אוֹיךְ גוּט בּוֹדֵק זַיין. **ה:** אַ לָאךְ וָואס אִיז צְווִישְׁן צְוֵויי הֵייזֶער, דוּרְךְ דִי וַואנְט, דַארְפְן בֵּיידֶע מֶענְטְשְׁן בּוֹדֵק זֵיי אַזוֹי טִיף וִוי זֵיי קֶענֶען, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע אִיז מֶען מְבַטֵּל אִין הַארְץ – פּוּנְקְט וִוי מֶען אִיז בּוֹדֵק נָאךְ עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַמָּקוֹם, אַזוֹי דַארְף מֶען בּוֹדֵק זַיין נָאךְ עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ. אוּן מֶען אִיז בּוֹדֵק וִויפִיל מֶען קֶען, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע אִיז מֶען מוֹחֵל אֵיינֶער פַארְן צְוֵוייטְן. **ו:** דֶער רְמָ"א שְׁרַייבְּט (או"ח סימן תלג י"א): אַז מֶען דַארְף עֶקְסְטֶער זִיכֶער מַאכְן בּוֹדֵק צוּ זַיין דִי טַאשְׁן – מֶען דַארְף עֶקְסְטֶער בּוֹדֵק זַיין דִי "טַאשְׁן", וָואס וַוייזְט אוֹיף גֶעלְט עִנְיָנִים, וַוייל רוֹב עֲבֵירוֹת זֶענֶען אַרוּם גֶעלְט. אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט אִין יְרוּשַׁלְמִי (סוֹף פ"ח תרומות) אַז דִי הַארְץ לִיגְט אִין אַ 'טַאשׁ', אוּן מֶען דַארְף גוּט בּוֹדֵק זַיין דִי 'טַאשׁ' וָואס דִי הַארְץ אִיז אִין אִיר, וַוייל אַלֶע עֲבֵירוֹת קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס דִי הַארְץ גְלוּסְט[יא].

---

זאגן אז עס פאסיג צו זאגן פארקערט אויך: "א כשר'ן פורים" אז די פורים זאל זיין כשר און אויסגעאהלטן, די שמחה זאל חלילה נישט ברענגען קיין הוללות און שטרויכלונגען און כשרות, ווידער אום פסח זאל מען זיין פרייליך, די חומרות אין די כשרות, זאל חלילה נישט צו ברענגען קיין כעס און צו שטרויכלונגען...

**יא.** רבי הערש פון רימנוב זי"ע איז געווען דער שמש פון בית המדרש (און אויך דער גבאי פון רבי מענדעל'ע מרימנוב זיע"א) מען פארציילט אויף אים, אז אין די טעג פון זיין אייגענע שבע ברכות

**בִּיעוּר חָמֵץ - דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה**

**דִי** וֶועג צוּ דֶערְקֶענֶען דִי חָמֵץ – יֵצֶר הָרַע וָואס אִיז אִין אוּנְז, אִיז דוּרְךְ דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה[ב], אוּן מֶען קֶען דָאס מְרֻמָּז זַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אִין דִי קַאפִּיטְל פוּן 'אֵשֶׁת חַיִל' וָואס ווי בַּאקַאנְט גֵייט דָאס אַרוּיף אוֹיף דִי תּוֹרָה: "לֹא יִכְבֶּה בַלַּיְלָה נֵרָהּ" (מִשְׁלֵי לא יח) – וֶוען מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ בַּייְנַאכְט מִיט דִי לִיכְט, דֶעמָאלְטְס קֶען דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי תּוֹרָה, וָואס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי גַאנְצֶע קַאפִּיטְל, בַּאלַייכְטְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים וֵוייזְן וָואס עֶר דַארְף מְתַקֵּן זַיין. אַזוֹי ווי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוה"ק (וַיִּקְרָא כג ב), אַז דִי תּוֹרָה וַוייזְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ זַיין פְלִיכְט.[ג]

---

האט ער ממשיך געווען מיט די ארבעט פון מסדר זיין און רייניגן די בית המדרש. איז מען געגאנגען צו רבי מענדעל'ע רימנוב'ער זי"ע און מען האט אים געזאגט אז ער זאל אים זאגן אז עס פאסט נישט אז א 'חתן' זאל אין די שבע ברכות רייניגן די בית המדרש, אבער אנשטאט זאגן פאר רבי הערש'לע רימנוב'ער אז ער זאל נישט רייניגן די בית המדרש, האט ער זיך זייער שטארק געפריידט אז רבי הערש'לע זי"ע האט נישט אפגעלאזט די שמשות אפילו פאר אביסל, און ער האט געזאגט אז ווען רבי הערש'לע רייניגט די בית המדרש פארטרייבט ער אלע חיצונים!

**יב.** אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין בני יששכר (מאמרי חודש ניסן, מאמר ד' – טיול בפרדס, דרוש ו'):

מען דארף בודק זיין אין די 'חורים וסדקים' [לעכער און שפאלטענעס] – צו וויסן מיט וועלכע מידה מען האט זיך באנוצט פאר דער יצר הרע, ווי למשל גאוה כעס וכדו'. מען דארף בודק זיין ביז וואו די האנט דערגרייכט, און מען דארף אויסרייסן די שלעכטע חמצ'דיגע מידה. און מען מעג זיך נאר באנוצן מיט די מידות פאר 'מצה', וואס ווערט נישט חמצ'דיג דורך די כח פון די פייער [וואס באקט אפ די מצה נאך פאר עס ווערט חמץ], און די פייער ווייזט אויף די תורה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ירמיה כג כט) 'הלא כה דברי כאש'.

**יג.** עס ווערט פארציילט אויפן מהרש"ל, אז ער האט געזאגט אז פון הימל האט מען אים געוויזן א סימן אז מען איז צופרידן און מען פריידט זיך מיט זיין תורה, ווייל ער האט געהאט א קליינע ליכט וואס האט נישט געקענט ברענען פאר צו לאנג, און עס איז געשען א נס און עס האט געברענט די גאנצע נאכט, כדי ער זאל קענען לערנען און פארשפרייטן די תורה אין כלל ישראל.

אין הגדת חתם סופר ווערט געברענגט אין די נאמען פון דער מכתב סופר – רבי שמעון סופר זי"ע פון קראקא, וואס האט פארציילט: אמאל האט דער חתם סופר זי"ע נישט געהאט גענוג אויל פאר די יו"ט ליכט, נאר אז עס זאל ברענען א האלבע שעה. ווען דער מכתב סופר איז אויפגעשטאנען אינדערפרי האט ער געזען ווי די ליכט ברענט נאך!

ווען רבי שמואל אליהו פון זוואלין זי"ע (דער טאטע פון דער דברי ישראל פון מוזשיץ זי"ע און דער זון פון רבי יחזקאל פון קאזמיר זי"ע) האט פארציילט די מעשה, האט ער געזאגט אז די מעשה איז נישט קיין פלא, ווייל עס שטייט דאך אז 'טעמה כי טוב סחרה' גייט ארויף אויף כנסת ישראל, (אזוי

## די הֲכָנוֹת פַאר יו"ט דַארְף זַיין מִיט אַ הִתְעוֹרְרוּת

**חוֹדֶשׁ** נִיסָן, אִיז אַ חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַסַאךְ מִצְוֹת, עֶס זֶענֶען אָבֶּער דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן דִי מִצְוֹת מִיט אַ גֶעווֹאוֹינְהַייט, אָבֶּער בְּעֶצֶם דַארְף נִישְׁט זַיין אַזוֹי, נָאר מֶען דַארְף מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן יֶעדֶע מִצְוָה אוּן פוּן דִי הֲכָנָה צוּ דִי מִצְוָה, אוּן וֶוען מֶען לֶעבְּט אַזוֹי בַּאקוּמְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע בַּאדֵייט.

**אַזוֹי** ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין צֶעטִיל קָטָן פוּן דֶער רַבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זי"ע (אות ד'): **בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם** בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, **הֵן בַּתּוֹרָה** סַיי בַּיים לֶערְנֶען **הֵן בִּתְפִלָּה** סַיי בַּיים דַאוֶונֶען **הֵן בְּמִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת** אוּן סַיי בַּיי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט דוּרְךְ אַ פְּעוּלָה, **יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ** זָאל זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַיינְגֶעווֹאוֹינֶען **לוֹמַר בָּזֶה הַלָּשׁוֹן** צוּ זָאגְן דִי לָשׁוֹן: "**הֲרֵינִי עוֹשֶׂה זֹאת** אִיךְ טוּה דָאס **לְשֵׁם יִחוּד קוּבָ"ה וּשְׁכִינְתֵּיהּ, לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ** צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ **לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** פַאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער גֶעבֶּענְטְשְׁט אִיז זַיין נָאמֶען", **וְיַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ** אוּן עֶר זָאל זִיךְ אַיינְגֶעווֹאוֹינֶען **לוֹמַר זֹאת** דָאס צוּ זָאגְן **בְּתוֹכִיּוּת** מִיט אַ פְּנִימִיּוּת **וּפְנִימִיּוּת הַלֵּב** אוּן פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, **וּבְהֶמְשֵׁךְ הַזְּמַן** אוּן מִיט דִי צַייט **יַרְגִּישׁ** וֶועט עֶר אָנְפַאנְגֶען צוּ שְׁפִּירְן **הֶאָרָה גְּדוֹלָה** אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקַייט **בָּאֲמִירָה זוֹ** מִיטְן דָאס זָאגְן.

**יֶעדֶע** זַאךְ וָואס מֶען טוּט, קֶען מֶען טוּעֶן מִיט אַ קַאלְטְקֵייט אָן קֵיין קֶשֶׁר מִיט דִי הַארְץ, סְתַּם וַוייל "יֶעדֶער טוּט אַזוֹי", אָבֶּער מֶען קֶען דָאס אוֹיךְ טוּעֶן אוֹיף אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג **לְשֵׁם יִחוּד קוּבָ"ה וּשְׁכִינְתֵּיהּ, לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ!** אוּן וֶוער עֶס גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ אַיין אַזוֹי צוּ זָאגְן, זָאגְט דָאךְ רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט וֶועט עֶר שְׁפִּירְן אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקַייט דוּרְכְדֶעם, **אוּן עֶר וֶועט טוּעֶן מִצְווֹת אוּן עֶר וֶועט זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי מִצְווֹת, מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן אַ תַּעֲנוּג.**[יד]

## פֶּה סָח

**אוּן** בִּפְרַט עֶרֶב פֶּסַח דַארְף מֶען דָאס זִיכֶער אַרוֹיסְזָאגְן מִיט דִי מוֹיל אַז אַלֶעס וָואס מֶען טוּט אִיז נָאר פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער'ס וֶועגְן, וַוייל עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "פְּרִי עֵץ חַיִּים" (שער חג המצות פרק א) אַז דִי יוֹ"ט פֶּסַח וַוייזְט אוֹיף דִי מוֹיל, וַוייל "פֶּסַח" אִיז צוּזַאמֶגֶעשְׁטֶעלְט פוּן צְוֵויי וֶוערְטֶער "פֶּה

ווי עס שטייט אין זוה"ק ויקרא מב, ב – אז די קאפיטל פון 'אשת חיל' גייט ארויף אויף כנסת ישראל), און ממילא איז מקויים געווארן ביים חתם סופר די המשך פון די פסוק 'לא יכבה בלילה נרה', כאטש די ליכט האט נישט געהאט גענוג אויל.

**יד.** עס ווערט פארציילט אויפן חתם סופר זי"ע אז ער פלעגט אליין אנגרייטן די 'היסב בעט' און די סדר טיש פאר אלע מענטשן, און ער האט אליין איבערגעקוקט און אויסגעוואשן די בעכערס אז עס זאל נישט זיין פגום.

סָח" – אַ מוֹיל וָואס רֶעדְט[טו], אוּן דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה אוֹיף צוּ קֶענֶען עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אִיז דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען אִיז עֶס מְקַדֵשׁ. סַיי בַּעֲשֵׂה טוֹב, אַז מֶען זָאגְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אַז מֶען וִויל טוּעֶן דִי רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער – לְשֵׁם יִחוּד קוּב"ה וּשְׁכִינְתֵּיהּ, אוּן סַיי בַּיי סוּר מֵרָע, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וָוארְט **כַּרְפַּס** וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן כְּלַל רִאשׁוֹן פֶּה סָתוּם – דִי עֶרְשְׁטֶע כְּלַל אִיז צוּ הַאלְטְן דִי מוֹיל פַארְמַאכְט, אוּן נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

**דֶער** שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ בְּרֶענְגְט: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג, וָואס דִי קֶענִיגִין הָאט בּוֹגֵד גֶעוֶוען אִין אִים, אוּן עֶר הָאט אִיר פַּארְטְרִיבְּן פוּן זַיין פַּאלַאץ, זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן זִי הָאט גֶעזִינְגֶען דִי נִיגוּן פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה בַּיי זַיין פֶּענְסְטֶער, וִוי נָאר דֶער קֶענִיג הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעפְרֶעגְט "וֶוער זִינְגְט דָא דִי נִיגוּן?" הָאט דִי קֶענִיגִין גֶעזָאגְט "דָאס בִּין אִיךְ, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּעֶן!"

**דִי** נִמְשָׁל אִיז, אַז אִין דִי סֵדֶר נַאכְט דֶערְמַאנֶען מִיר זִיךְ אוּנְזֶער חֲתוּנָה, וִוי מִיר הָאבְּן זִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל בַּאקֶענְט מִיטְן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוּן מִיר זִינְגֶען דִי הַלֵל וָואס דָאס אִיז דִי נִיגוּן פוּן דִי חֲתוּנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין קוּמְט אַרָאפּ צוּ אוּנְזֶער סֵדֶר כְּדֵי צוּ הֶערְן דִי חֲתוּנָה נִיגוּן... דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן צוּ זַיין פַּאסִיג צוּ אוֹיפְנֶעמֶען דִי פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה אוּן זוֹכֶה זַיין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל הֶערְן דִי חֲתוּנָה נִיגוּן (יְשַׁעְיָה ל כט) הַשִּׁיר יִהְיֶה לָכֶם כְּלֵיל הִתְקַדֵשׁ חַג, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן "נִרְצָה", עֶר אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת אוּן עֶר אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**טו.** דער אור המאיר ז"ע איז דאס מסביר אז דורך די קדושה פון פסח קען א מענטש צוקומען צו די מדריגה פון רעדן ריינע ווערטער אן קיין מחשבות זרות.